# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וישלח תשפ״ב שנה ט | גליון מס׳ 408



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע״נ הרה״ח ר׳ חיים בן ציון
בהרה״ח ר׳ אהרן צבי מרמורשטיין זצ״ל
נפטר יג׳ אלול תשס״ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### דער טעם פון זאגן ׳מי שגמלך׳ ווי א ענטפער אויף די ברכה ׳הגומל׳

**״קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל הָאֱמֶת אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ״ (לב יא)**

די חכמים ערקלערן (שבת לב א) אז יעקב אבינו האט אזוי געזאגט: מיינע זכויות זענען פארוויניגערט געווארן צוליב די חסדים וואס דו האסט געטון פאר מיר, שלא כדרך הטבע. ווייל יעדער וואס ה׳ טוט פאר אים א נס, ווערן פארוויניגערט זיינע זכויות.

לויט דעם טייטש **רבי אלכסנדר הכהן קפלן** בעל ׳שלמי נדרים׳ די סיבה אז נאכן הערן די ברכה ׳הגומל׳ טון מיר זיך נישט באגענוגן מיט ענטפערן אמן אזוי ווי ביי די אנדערע ברכות, נאך מ׳לייגט צו א ברכה פארן מברך: ״מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה״; ווייל די ברכה ווערט געזאגט דורך איינער וואס איז געראטעוועט געווארן פון א סכנה, דעריבער וואונטשן מיר אים עס זאל נישט פארוויניגערט ווערן זיינע זכויות צוליב דער נס וואס איז אים געשען, נאר ער זאל ווייטער האבן ״כל טוב״ אן מ׳זאל אים עפעס אראפנעמען פון זיינע זכויות.

׳שלמי נדרים׳ הקדמה

### ׳ועל הכל׳ לויבן מיר אז ׳ה׳ אלוקינו׳

**״קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל הָאֱמֶת אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ״ (לב יא)**

**זאגט דער רבי ר׳ ברוכ׳ל פון מעזיבוש:**

דער איד וואס דינט השי״ת דארף וויסן, אז אויסער דעם גרויסן שכר וואס איז צוגעזאגט פאר די עובדי ה׳, דער גרעסטער שכר איז די עצם זאך אז דער מלך מלכי המלכים האט אים אויסדערוועלט אים צו דינען. וועגן דעם ביי ברכת המזון, דערנאך וואס מיר לויבן ביי די ברכה ׳נודה לך׳ אויף א לאנגע ליסטע פון וואונדערליכע מתנות וואס מיר האבן באקומען פון השי״ת, ברוחניות און בגשמיות, לייגן מיר צו: ״ועל הכל״ - און מער פון אלע געוואלדיגע טובות וואס מיר האבן אויף זיי געלויבט, ״ה׳ אלקינו - אנחנו מודים לך״ - די חשוב׳סטע מתנה אויף וואס מיר לויבן איז די עצם זאך אז דו ביזסט ׳ה׳ אלקינו׳.

דער ׳יסוד העבודה׳ פון סלאנים האט אויף דעם צוגעלייגט, דער יסוד האט יעקב אבינו מרמז געווען אין דער פסוק: ״קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל הָאֱמֶת״ - אלע חסדים און טובות וואס דו האסט געטון מיט אונז זענען קליין אין מיינע אויגן אקעגן דעם גרויסן חסד: ״אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ״ - אז דו האסט מיר געטון פאר דיין קנעכט.

׳בית אהרן׳ לפסח דף צב ע״א; ׳נטעי אשל׳

## פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### ׳הודו לה״ דורך ׳קראו בשמו׳

**״וַיֹּאמַר הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ״ (לג ה)**

**רבי משה שמואל שפירא** ראש ישיבת ׳באר יעקב׳ האט געזאגט:

יעקב אבינו ענטפערט נישט נאר: ׳ילדי הם׳, נאר ער זאגט ארויס קלאר: ״הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶ ת עַבְדֶּךָ״ - איך האב צו זיי זוכה געווען דורך א מתנת חינם פון הימל. און מ׳דארף וויסן אז יעקב האט אזוי גערעדט נישט נאר יעצט וועלנדיג אויסלערנען א קאפיטל אין אמונה פאר זיין ברודער עשו דער כופר, נאר שטענדיג איז דאס געווען זיין שפראך, אלעס וואס ער האט איז א מתנת חינם פון הימל.

א איד וואס גייט אין די וועג פון יעקב אבינו און שטענדיג דערמאנט ער אז אלעס וואס ער האט איז א מתנת חינם פון ה׳, וועט פון זיך אליין נתעורר ווערן אין זיין הארץ געפילן פון לויב צו ה׳. און אזוי ווי דער **גר״א** טייטש (ראה ׳אדרת אליהו׳ דה״י א׳ טז ח) דעם לשון הפסוק (תהלים קה א): ״הוֹדוּ לַה׳ - קִרְאוּ בִשְׁמוֹ״, אז די וועג וואס דורך דעם קומט מען אן צו לויבן ה׳, איז דורך וואס דער מענטש דערמאנט דעם אויבערשטנ׳ס נאמען אויף יעדע טובה וואס ער איז זוכה.

׳זהב משבא׳

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון ׳בני אמונים׳

### שירו לה׳ שיר חדש

די צייט פון דאווענען דארף זיין ביי יעדן איינעם א צייט פון תענוג און קרבת אלקים. אבער עס זענען דא אזעלעכע וואס פאר זיי איז שווער זיך ׳באהעפטן׳ צו א דאווענען, און צוליב דעם, אנשטאט די צייט פון דאווענען זאל זיין פאר זיי - א צייט פון תענוג און קרבת ה׳, איז עס פאר זיי ווי א לאסט און א שווערן פעקל. עס איז נישט קיין וואונדער אז זיי מורמלען אפ די ווערטער ווי א ׳אויטאמאטישע פילאט׳ אן צו פילן אינגאנצן די דערהויבנקייט און דעם זיסן טעם.

איינע פון די סיבות וואס קען צו דעם צוברענגען איז ווייל דער נוסח התפילה איז א קביעות׳דיגער נוסח וואס חזר׳ט זיך איבער יעדן טאג, שחרית, מנחה און מעריב. אבער מיר האבן די מעגליכקייט צו ענדערן די סארט געדאנק; א ׳קביעות׳דיגער נוסח׳ מוז נישט זיין אויך ׳לאנגווייליג׳ חלילה! אויך אויב מ׳האט מתקן געווען מיר זאלן דאווענען א קביעות׳דיגן נוסח, האבן מיר די מעגליכקייט און דער חוב אריינלייגן אין דעם א נייעם אינהאלט יעדן טאג. ווייל אויך די מאלצייטן וואס מיר עסן יעדן טאג זענען קביעות׳דיג, און פון דעסוועגן טרעפן מיר אין זיי א נייעם טעם יעדן טאג.

אויפן פסוק וואס מיר ליינען יעדן טאג ביי קריאת שמע: ״והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך **היום**״, טייטש רש״י (דברים ו ו): יעדן טאג זאל די תורה און מצוות זיין ווי ניי - כאילו מיר האבן זיי דעם ׳היינטיגן׳ טאג באקומען. און אזוי דארפן מיר צוגיין צו יעדע תפילה.

דער טויש איז נישט גרינג און עס פעלט אויך אויס מ׳זאל זיך אנשטרענגען, אבער נישט אומזינסט האבן די חכמים אנגערופן דאס דאווענען: ״**עבודת הלב**״ (תענית ב א), ווייל מ׳דארף אין דעם אריינלייגן א עבודה; מיר דארפן ערוועקן אונזער הארץ זיך מתבונן אין די חסדים פונעם אויבערשן, איינערקענען אין אונזער חוב אים צו לויבן, אריינעמען אין זיך ווי ווייט מיר דארפן צוקומען צו זיין הילף אויף יעדן טריט און שריט און אזוי וועט אונזער דאווענען אויסקוקן אנדערשט. דאווענען איז נישט נאר א מצוה, דאס איז דער זכות פון אונזער עקזיסטענץ אויף דער וועלט, ווייל מיר זענען בשר ודם, שטייען מיר א גאנצע צייט אקעגן די אלע ערליי סכנות וואס באנייען זיך און פארמערן זיך אגאנצע צייט, וויאזוי קען זיין אז מיר זאלן נישט דאווענען אויף אונזער לעבן?!

**א גוט שבת**

*יעקב דוב מרמורשטיין*

# א 'כלה' געווארן אין זכות פון א חיזוק 'קלה'

א באלערנדע ערציילונג וואס קען פאר אונז לערנען דעם געוואלדיגן כח פון יעדע חיזוק, אויך די גאר גרינסטע, איבערהויפט אין דער ענין פון קומען פריה צום דאווענען - א חיזוק וואס די סגולות פון דעם זענען אסאך און אירע ישועות זענען באקאנט. די ערציילונג האט דערציילט דער רב פון די רמת אלחנן געגענט הגאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א אזוי ווי ער האט עס געהערט פונעם בעל המעשה אליין.

אויף די געזיכט פון ר' משה, א יונגערמאן א תלמיד חכם האט זיך א לאנגע צייט אנגעזען א טרויער. און נישט אומזינסט, ווייל אויף אים קוועטש שוין א לאנגע צייט די 'צרת הבת', די שווערע צרה וואס לאזט נישט שלאפן אסאך עלטערן אין אונזער דור.

זיין געלונגענע טאכטער האט נאכנישט זוכה געווען טרעפן איר זיווג. אויך נאך וואס אלע מיידלעך פון איר קלאס האבן שוין זוכה געווען אויפשטעלן זייער הויז, ווען א טייל פון זיי זענען שוין אויך מאמע'ס פאר דריי און אויך פאר פיר קינדערלעך, פונקט זי, די מערסטע געלונגענע פון זיי, האט נאכנישט זוכה געווען צו דעם.

אין די גרויסע צער פון די טאכטער, האבן א טייל גענומען אירע עלטערן און געשוויסטער. זיי האבן פארגאסן אויף דעם אסאך תפילות,



אבער פון הימל האט מען אנדערשט געוואלט, און די ערווארטענע שידוך איז נאכנישט אנגעקומען.

דערציילט ווייטער דער פאטער:

"איין טאג, צוליב א געוויסע פאסירונג וואס איז געשען, האב איך געפילט אז יעצט איז שוין ליידער מקויים געווארן 'באו מים עד נפש'. איך קען נישט מער צוקוקן די ווייטאג פון מיין טאכטער וואס פייניגט זיך מיט איר עלנדקייט, האב איך אין הארץ באשלאסן גיין צו איינער פון די צדיקים כדי צו באקומען א ענטפער איינמאל אויף אלעמאל וואס דארף איך טון די שלעכטע גזר דין זאל זיך ענדערן.

באשלאסן און געטון, נאך אין יענע נאכט האב איך זיך געאיילט צו די הויז פון איינער פון די גדולי וצדיקי הדור. די צייט וואס איך האב געווארט אויף מיין רייע האב איך אויסגענוצט צו שטארקן אין מיין הארץ די אמונת-חכמים. איך האב פעסט-באשלאסן אז דאס מאל וועל איך אויספירן אלעס וואס דער רב וועט מיך הייסן, אפילו עס וועט זיין די שווערסטע זאך.

אינמיטן די שטארקע באשלוס בין איך אריינגערופן געווארן אין רב'ס צימער. דער רב האט מיך אויסגעהערט מיט א פריינדליך פנים ווען אויף זיינע אויגן דערקענט זיך זיין מיטלייד אין מיין צער. ווען איך האב געענדיגט ארויסגעבן מיין גאנצע ווייטאג וואס איז מיר געליגן אויפן הארץ, האט דער רב געשמייכלט צו מיר מיט זיין גוטע הארץ און געזאגט:

'עס קען זייער מעגליך זיין אז די שליסל פון די ישועה פון דיין טאכטער געפונט זיך אין ענקערע הענט - די עלטערן. דער אויבישטער וואס איז 'אוהב עמו ישראל' שיקט נישט א צרה פאר א מענטש כדי אים ווי צו טון חלילה, נאר כדי אים צוברענגען ער זאל זיך א שאקל געבן און באשליסן צו גיין אויף א נייע און בעסערע וועג.

דער אויבישטערווארט פון ענק צו זען א ריכטיגע התחזקות אין א זאך וואס עס פעלט אויס חיזוק, און איך בין זיכער אז ווען ענק וועלן אזוי טון, וועט ענקער טאכטער טרעפן בקרוב איר זיווג וואס איז גרייט פאר איר'.

די קלארע ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון די מויל פונעם רב האט צוגעברענגט אז מיין הארץ האט געפלאטערט פון התרגשות און פארלעגנהייט צוזאמען. פון איין זייט בין איך גרייט געווען אלעס צו טון כדי צו זען מיין טאכטער גייט אונטער די חופה, אבער פון די צווייטע זייט האב איך געהאט אסאך פונקטן צו פאררעכטן און מחזק זיין, און איך האב נישט געוואוסט וואס אויסוועלן.

'וויפיל אזייגער דאוונסטו געווענליך שחרית יעדן אינדערפריה?' - האט מיך דער רב געפרעגט ווען ער האט מיך געזען פארלוירן, 'אין א קביעות'דיגן מנין, זיבן אזייגער' - האב איך געענטפערט מיט א איינגעהאלטענעם שטאלץ.

'און ווען קומסטו צום דאווענען?' - האט דער רב ווייטער געפרעגט. יעצט האב איך זיך געפילט אומבאקוועם, אבער איך האב געמוזט ענטפערן דעם אמת'דיגן ענטפער: 'אין א גוטן פאל זיבן א זייגער...'.

'אויב אזוי', האט דער רב געזאגט, 'איך וויל דיר אנטראגן זאלסט אנהייבן קומען יעדן טאג אין שול פינף מינוט פארן דאווענען, ד.מ. פינף מינוט פאר זיבן, און איך בין זיכער אז אין די זכות פון זיך מחזק זיין אין תפילה וועסטו זוכה זיין אז דיינע סאך תפילות אויף דיין טאכטער וועלן שפאלטן די הימלען'.

איך בין געווען שאקירט פון די פשוטע ווערטער: 'דאס איז די גאנצע?! - האב איך רעאגירט מיט וואונדער, אבער דער רב האט נאר געשמייכלט מיט זיין גוט הארץ און האט גארנישט געזאגט.

איך בין ארויס פון רב'ס הויז ווען איך בין אינגאנצן פארטראכט. זיינע ווערטער זענען געווען קלאר: 'עס איז נישט אין הימל...'; דער אויבישטער ווארט נישט פון אונז מיר זאלן ארויף גיין אין הימל און פון דארט ברענגען די ישועה... ער וויל נאר אונז ערוועקן זיך אביסל רירן פון די 'קעסטל' וואס מיר האבן זיך איינגעוואוינט דארט צו לעבן. מאכן א קליינע טריט, אבער א באדייטנע און א פעסטע. דער אויבישטער וויל אונז ברענגען די ישועה, אבער וועגן דעם דארפן מיר טון א קליינע טריט פון אונזער זייט. א קליינער טריט, אבער זיין ווערד האט נישט קיין שאץ.

איך בין געווען גליקליך און צופרידן, די יאוש וואס האט ביז יעצט אנגעפילט מיין הארץ, איז אויפגעטוישט געווארן מיט א נייע און פרייליכע האפענונג. איך בין גרייט געווען צו ערפילן מיין טייל אין דעם 'געשעפט', און שוין מארגן אינדערפריה האב איך אנגעהויבן אויספירן די ווערטער פונעם רב.

איך האב אנגעהויבן אויפשטיין מער פריער, און גלייב'טס מיר אדער נישט; עס איז מיר געלונגען קומען פריה אין שול ארום צען מינוט פארן אנהייב דאווענען. און וואס זאל איך ענק זאגן... א 'נייער וועלט' האט זיך אנטפלעקט פאר מיר. די סוד פון עטליכע פון די מתפללים, וואס שוין א לאנגע צייט האב איך געקוקט אויף זיי מיט קנאה אויף זייער דערהויבענעם דאווענען, האט זיך יעצט אנטפלעקט מיט איר פולן פשטות; א פערטעל שעה איז אינגאנצן געווען דער אונטערשייד צווישן מיר און זיי... זיי זענען נאר געקומען מער פריה, געלייגט תפילין און געזאגט געלאסן די ברכות השחר ווי עס דארף צו זיין, און צוליב דעם האט זייער דאווענען אינגאנצן אנדערשט אויסגעזען...

עס איז אדורך צוויי וואכן פון דער טאג וואס איך האב אנגעהויבן זיך צו מחזק זיין. איך בין אהיים נאך תפילת שחרית ווען אין הארץ טראכט איך אז דעם ערשטן פארדינסט פון די געשעפט האב איך שוין געטון; עס האבן זיך געעפענט פאר מיר נייע טויערן אין די וועלט פון דאווענען, איך האב מצליח געווען פילן אז עמיצער אויבן הערט מיך אויס.

די גרויסע איבערראשונג האט מיך אפגעווארט אנקומענדיג אהיים, ווען מיין פרוי האט מיך ענטפאנגען מיט א בשורה אז יעצט האט גערופן א שדכן און האט אנטראגן זייער א פאסיגן שידוך. א ספעציעלן חשובער בחור וואס צוליב א אומבאקאנטע סיבה אויך ער אזוי ווי אונזער טאכטער האט נאכנישט זוכה געווען טרעפן זיין זיווג. נאך א לאנגע תקופה וואס מ'האט אנגעטראגן פאר אונזער טאכטער איינמאל נאכן אנדערן נישט פאסיגע שידוכים און אפילו אזעלעכע וואס קענען פארשעמען, איז די יעצטיגע פארשלאג געווען פאר אונז ווי 'מים קרים על נפש עייפה'.

דער שידוך האט זיך זייער שנעל גערוקט, און ארום צוויי וואכן נאכדעם זענען מיר געשטאנען גערירט ביי די תנאים פון אונזער טייערע טאכטער וואס האט זוכה געווען טרעפן איר זיווג נאך אסאך יארן פון ווארטן.

'אמונה שלמה' דברים עמ' מג

# ברכו אמוני

## א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'יוצר אור'

### די מקור פון די ברכה

די ברכה 'יוצר אור' איז איינס פון די זיבן 'ברכות קריאת שמע' וואס די חכמים האבן מתקן געווען צו זאגן בעפאר און נאך די מצוה פון קריאת שמע, אזוי ווי מיר האבן געלערנט (ברכות יא א): "בשחר מברך שתים לפניה [בעפאר קריאת שמע] ואחת לאחריה, ובערב שתים לפניה ושתים לאחריה". די חכמים (ירושלמי ברכות א ה) האט אוועקגעשטעלט זייער תקנה אויפן לשון הפסוק (תהלים קיט קסד): "שבע ביום הללתיך על משפטי צדקך" - 'משפטי צדקך' דאס איז די פרשה פון קריאת שמע וואס איז איינס פון די משפטי התורה (רש"י שם).

כאטש די ברכות ווערן אנגערופן 'ברכות קריאת שמע', זענען זיי נישט ווי אלע 'ברכות המצוות' וואס מ'האט זיי מתקן געווען אויף די מצוה זעלבסט, נאר מ'האט זיי מתקן געווען צו זאגן פאר זיך אליינס ווי אנדערע ברכות שבח והודאה, און נאר נאכדעם האט מען מתקן געווען מ'זאל זיי זאגן אויף די מצוה פון קריאת שמע (שו"ת הרשב"א א מט). און מיט דעם האט מען אונז גע'פטר'ט פון צו זאגן פאר קריאת שמע: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו לקרוא את שמע (מאירי ברכות שם). דער רמב"ן (ברכות יא ב) ערקלערט אז די חכמים האבן קובע געווען צו זאגן די ברכה 'יוצר אור' פאר 'קריאת שמע' ווייל די זמן פון קריאת שמע צופריה און ביינאכט איז אנגעהאנגען אין די אויפשיין פון די ליכטיגקייט און זיין אונטערגיין.

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה 'יוצר אור' הייבט זיך אן מיט א לויב אויפן באשאפן די ליכטיגקייט, און נאכדעם טוט זי פארזעצן מיט שילדערן די גאנצע 'צבא השמים', און ווי אזוי זיי לויבן דעם באשעפער, און עס ענדיגט זיך מעין הפתיחה: "יוצר המאורות". די ראשונים שרייבן אז פאר די ענדע פון די ברכה זאל מען בעטן אויף די גאולה העתידה מיטן זאגן: "אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו מהרה לאורו" (ראה טור או"ח נט).

דער 'אבודרהם' (ברכות ק"ש) ערקלערט דער טעם פארוואס מיר זאגן 'קדושה' אינמיטן די ברכה, מיר ווילן ארויסברענגען אז אונזער מיינונג איז אנדערשט פון די מיינונג פון די כופרים וואס זאגן אז השי"ת האט פארלאזט די ערד, און האט איבערגעגעבן די וועלט פאר די צבא השמים וואס פירן די וועלט לויט זייער ווילן. זאגן 'קדושה' באווייזט אז הקב"ה איז 'בעל הכוחות כולם' און קיינער פון די צבא השמים טוט נישט גארנישט נאר לויטן באפעל פון באשעפער, ווייל אלע הערשאפטן פון הימל זאגן אויך אז ה' אליין האט אלעס באשאפן און געוועלטיגט איבער אלעמען.

### די באדייט פון די ברכה

די ברכה 'יוצר אור' איז די ערשטע פון די ברכות 'קריאת שמע' וואס ווערן געזאגט אינדערפריה. אין די ברכה לויבן מיר הקב"ה אויפן באשאפן די ליכטיגקייט, און ווייל די ליכטיגקייט ווערט באנייט יעדן טאג, לויבן מיר אויף דעם יעדן טאג עקסטער.

טראץ די ליכטיגקייט איז באשאפן געווארן פאר די נוצן פון די באשעפענישן וואס האבן פון דעם א געוואלדיגן פארגעניגן, ווערט נישט די ברכה גערעכנט ווי א 'ברכת הנהנין', ווייל מיר דארפן נישט זאגן א 'ברכת הנהנין' נאר אויף א הנאה וואס גייט אריין אין די קערפער (רמב"ן ברכות ריש פרק ח).

### אויסגעשטעלט לויט די א-ב

אין די ברכה איז דא א שטיקל וואס איז אויסגעשטעלט לויט די אל"ף-בי"ת: "א-ל ברוך גדול דעה...". מ'דארף אנצייכענען אז אינמיטן וואך זאגן מיר איין ווארט פאר יעדן אות, אבער שבת זענען מיר מאריך און זאגן א גאנצע שטיקל פאר יעדן אות - מיטן זאגן דער פיוט 'א-ל אדון' וואס איז אויך אויסגעשטעלט לויט די אל"ף-בי"ת (זעה אין זוה"ק ויקהל רה ב וואס ערקלערט דער טעם).

דער 'אבודרהם' (שם) ערקלערט דער טעם פארוואס מ'האט מתקן געווען צו זאגן ביי 'יוצר אור' א שטיקל לויט די אל"ף-בי"ת, צו וויסן טון אז דער וועלט עקזיסטירט אין זכות פון די תורה וואס איז געשריבן געווארן מיט די כ"ב אותיות, אזוי ווי עס שטייט (ירמיה לג כה): "אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי".

אין סידור וואס דער אלטער מקובל רבי הירץ ש"ץ האט מחבר געווען ברענגעט ער אין נאמען פון א מדרש אז ווען רבי אליעזר הקליר האט געוואלט פארפאסן זיינע פיוטים, האט ער דערמאנט א 'שם' און איז ארויף אין הימל, און דארט האט ער געפרעגט פון מלאך מיכא-ל אויף וואס איז אוועקגעשטעלט די שירה פון די מלאכים. און מיכא-ל האט אים געענטפערט אז זייער שירה איז געבויעט לויט די א-ב, און וועגן דעם האט רבי אליעזר פארפאסט זיינע פיוטים אויף דער וועג.

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז אויף אונז ליגט א חוב לויבן ה' אויפן באשאפן די באלייכטער, און הלוואי מיר זאלן זוכה זיין צו דער אור חדש וואס וועט לייכטן אין ציון ווען עס וועט זיין די גאולה.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

## דער מלאך האט אויסגעלערנט יעקב'ן זאגן מאה ברכות

"וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב בְּהֵאָבְקוֹ עִמּוֹ" (לב כו)

זאגט דער **'חתם סופר'**:

די חכמים זאגן (במ"ר יח כא) אז דוד המלך האט מתקן געווען צו זאגן יעדן טאג מאה ברכות, כדי פארמיידן די מגפה וואס איז געווען אין זיינע צייטן ווען יעדן טאג זענען געשטארבן הונדערט נפשות מישראל. די געשעהעניש איז אויך מרומז אין פסוק וואס שילדערט די קריג פון יעקב מיטן מלאך וואס ווערט אנגערופן ס"מ, וואס איז דער ממונה אויף די טויט. ביים זיך ראנגלען מיט יעקב האט ער צוגערירט "בכף ירכו", ד.מ. אין די כ"ף [וואס איז בגימטריה 100] נפשות פון זיינע אייניקלעך וואס ער וועט טויטן יעדן טאג, און וועגן דעם: "וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב". אבער יעקב האט אים געווינען און דער מלאך האט אים אנטפלעקט די וועג וויאזוי וועלן זיינע אייניקלעך געראטעוועט ווערן פון די גזירה - דורך זאגן יעדן טאג מאה ברכות. און אויף דעם איז געזאגט געווארן (להלן פס' ל): "וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ שָׁם" - אז דער מלאך האט אים אויסגעלערנט דער סוד פון 'מאה ברכות' וואס דורך דעם וועט זיך די מגפה אפשטעלן.

דרשות 'חתם סופר' ח"א דף פג עמ' א

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# שחר אבקשך

פערל ווערטער
אויף די גרויסע מעלה פון השכמת הבוקר

## דער וואס שטייט אויף פריה וועט לאנג לעבן

אין מסכת אבות (ג י) זאגן די חכמים: "שינה של שחרית... מוציאה את האדם מן העולם". פון די צווייטע זייט טרעפן מיר אז דער וואס שטייט אויף פריה צום דאווענען - איז זוכה צו אריכות ימים. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (ברכות ח א) אז ווען מ'האט דערציילט פאר רבי יוחנן אז עס זענען פאראן עלטערע לייט אין בבל, האט ער זיך געוואונדערט אויף דעם, די הבטחה פון די תורה (דברים יא כא): "למען ירבו ימיכם", איז געזאגט געווארן נאר "על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם" - אין ארץ ישראל? אבער ווען מ'האט אים דערציילט אז די עלטערע לייט קומען פריה אין שול און גייען אהיים שפעט, האט ער פארשטאנען אז זיי האבן זוכה געווען צו אריכות ימים אין זכות פון די אויפפירונג.

## א באווייז אז אויפשטיין פריה געבט לעבן

אין 'ילקוט שמעוני' (עקב רמז תתעא) ווערט געברענגט א וואונדערליכער ערציילונג איבער דער ענין:

"א פרוי האט לאנג געלעבט, און איז געקומען צו רבי יוסי בן חלפתא, האט זי אים געזאגט: 'רבי, איך בין שוין זייער אלט און פון יעצט איז מיר די לעבן זייער שווער, איך קען נישט עסן און טרינקען און איך וויל שוין שטארבן'. האט ער איר געזאגט: 'וואספארא מצוה ביזסטו געוואוינט צו טון יעדן טאג?' האט זי געזאגט: 'איך בין געוואוינט, אפילו איך האב א באליבטע זאך, איך לאז עס אפ און איך שטיי אויף פריה צו גיין אין שול יעדן טאג'. האט ער איר געזאגט: 'דריי טעג אין א צי זאלסטו נישט גיין אין שול'. און דעם דריטן טאג איז זי קראנק געווארן און געשטארבן".

**רבי אליהו הכהן האיתמרי** טוט באמערקן, כאטש אז לכאורה מצד הדין וואלט רבי יוסי בן חלפתא נישט געמעגט ראטן א עצה וואס זאל דערנענטערן איר טויט, פון דעסוועגן האט ער יא אזוי געזאגט, כדי אלע זאלן זען קלאר און אפן וויאזוי קומען פריה אין שול געבט לעבן, און דורך דעם וועלן זיי זיך מחזק טון אזוי. ווייל די חכמים האבן אונז געלערנט (ברכות נד א) אז ווען עס פעלט אויס פאר כבוד שמים מעג מען טון א איסור, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קיט קכו): "עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ" ('מדרש תלפיות' ערך בית הכנסת).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די רעדאקציע פונעם בלעטל 'וכל מאמינים'**

שלום רב!

ווייל ענקער חשובער גליון איז א געלונגענע פלאטפארמע מחזק זיין די ענין פון ענטפערן אמן, וואס אסאך זענען זיך מחזק דורך דעם אין די וואונדערליכע מצוה אוון אויך צווישן זיי, זעה איך פאר מיר ווי א זכות ענק צו פארציילן דעם גרויסן נס וואס אונזער משפחה האט זוכה געווען צו זען אין זכות פון אונזער התחזקות אין די מצוה פון ענטפערן אמן.

דאס איז געווען אין די צייט וואס מיין יונגערער ברודער איז קראנק געווארן, לא עלינו, אויף א שווערע קרענק און זיין לעבן איז געווען אין געפאר. אלץ קביעות'דיגער לייענער פון ענקער געשעצטן בלעטל, האב איך געזען אין די פריערדיגע יארן אין פרשת חיי שרה ווי ענק האבן מאריך געווען אין דעם מאמר חז"ל (ברכות מז א): "וכל המאריך באמן - מאריכין לו ימיו ושנותיו", און ענק האבן אויך געברענגט א רמז פון די בעלי התוספות אז די סופי תיבות פון דער פסוק (בראשית כד א): "זקן **בא** בימים" איז 'אמן'. האב איך צוליב דעם באשלאסן זיך מחזק זיין און מחזק זיין אנדערע אין דער ענין פון ענטפערן אמן, און באזונדער נאך די ברכות השחר וואס אין זיי לויבן מיר אויף די לעבן און די געזונטהייט.

מיטן אויבערשטנ'ס הילף נאך א תקופה פון ארום א האלבע יאר איז מיין ברודער אינגאנצן געזונט געווארן ווי א געווענליכער מענטש. אינמיטן די סעודת הודאה האבן מיר געזינגען מיט א ברען דעם באקאנטן ליד וואס איז פארפאסט געווארן אויפן פסוק (משלי ג ה) "כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך", [דאס איז געווען צוליב וואס מ'האט אים צוגעלייגט דער נאמען 'חיים' אלץ א סגולה אויף א רפואה]. אינמיטן זינגען האב איך זיך געטראפן רעכענען אין מיין מח די ראשי תיבות פון דער פסוק, און צו מיין איבערראשונג איז עס אויסגעקומען פונקט איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'!!

איך האב נישט גענוג ווערטער ענק דאנקען אויף ענקערע פולע אקטיוויטעטן. איך בין זיכער אז דאס אידישע פאלק איז ענק אסאך שולדיג אויף די רפואות און ישועות, ניסים ונפלאות וואס קומען אראפ אין זכות פון ענטפערן אמן.

כה לחי
**ב.ל. - נתיבות**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס (להכניס את המייל של וכל מאמינים)

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## רבי יצחק הוטנער
### כ' כסלו תשמ"א



רבי יצחק ב"ר חיים יואל הוטנער זצ"ל איז געבוירן געווארן אין ווארשא וואס איז אין פולין אין יאר תרס"ו. אין יאר תרצ"ה איז ער אריבער וואוינען אין ברוקלין וואס איז אין ניו יארק, דארט האט ער געדינט אלץ ראש ישיבת 'רבי יצחק אלחנן'. ער איז באקאנט מיט זיינע וואונדערליכע שיעורים וואס ער האט געבויעט אויף די יסודות פון מהר"ל מפראג, וואס זענען געדרוקט געווארן אין די סעריע באקאנטע ספרים 'פחד יצחק'.

אין יאר תש"ל צוריקקומענדיג פון א באזוך אין ארץ ישראל האבן טעראריסטן פארכאפט דעם עראפלאן וואס אויף דעם איז ער געוועזן צוזאמען מיט זיין פרוי טאכטער און איידעם, און זיי זענען אויפגעהאלטן אין געפענגעניש אין לויף פון א וואך אין עמאן דער הויפט שטאט פון ירדן. אין יאר תשל"ט איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך דארט באזעצט. ער איז נפטר געווארן כ' כסלו תשמ"א און באערדיגט געווארן אין הר הזיתים.

## אויסהערן די ברכה כדי צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין

ער פלעגט מעורר זיינע נאנטע אז דיווארט 'אמן' האט עטליכע באדייטן, און עס איז נישט די זעלבע די כוונה פון א 'אמן' אויף ברכת השבח צו א 'אמן' אויף א ברכה וואס איז דא אין דעם א בקשה. דעריבער דארף מען גוט אויסהערן די ברכות כדי צו וויסן אויף וועלעכע מ'ענטפערט. און האט צוגעלייגט און געזאגט אז אויף דעם האבן די חכמים מרמז געווען זאגנדיג (סנהדרין צב א): "גדולה דעה שניתנה בתחילת ברכה" - ווען דו לייגטס צו כוונה צו הערן פון אנהייב ברכה קען מען ענטפערן אויף דעם 'אמן' ווי עס דארף צו זיין ('כתר מלוכה' עמ' רעב).